# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



יב

# רבי נפתלי כהן זצ״ל

און ווייטער, דער רבי נפתלי (כהן זצ״ל - חותנו של רבי אברהם ב״ר נחמן זצ״ל בזווו״ש), האב איך געזעהן פון איהם א דבר פלא, ער האט געהאט א קלייט פון הערינג, אין די אלטע שטאט אין דער אידישער גאס. דאס ווייב פלעגט זיצן אין קלייט, נאר אמאל אז זי האט געדארפט אוועקגיין, זי האט געדארפט איינקויפן, זי האט געדארפט אהיים גיין אין שטוב אריין עפעס אפקאכן - איז ער געזעצן אין קלייט. און ער האט זיך געפירט בעל הבית׳יש, אזוי באהאלטן איז ער געוועזן אז ס׳איז געוועזן גאר עפעס אנדערש, און אזוי איז ער געוועזן בעל הבית׳יש.

ער פלעג גיין - מיר האבן געהאט א שול, מ׳האט איר גערופן ׳די עגונה שול׳, דער שול פון דער עגונה - ס׳איז געוועזן אן עגונה און עס איז געוועזן איר שטוב צו וואס. על כל פנים, האט עס געהאט א נאמען ׳די עגונה שול׳. מיר האבן דארטן געדאווונט, דאס איז געוועזן אין די חברון׳ער גאס, לעבן די טויערן פונעם מקום המקדש. נו, רבי נפתלי איז געזעצן לעבן די שול, און פון דארט ביז אהינציר איז געוועזן מעלות ומורדות, אראפ און ארויף. און ער איז שוין

געוועו אן אלטער איד, איז ער געגאנגען אלע - - א גאנצע וואך איז נישט געוועו קיין מנין, נאר שבת - פלעג ער קומען פרייטאג צונאכטס צו אונז אין שול אריין.
און איר - אז די פרוי האט געהאט א קלייט, האט זי אוודאי געארבעט - געלאפן אין קלייט אריין, געלאפן אין שטוב אריין קאכן. על כל פנים, איז זי געוועו מיד. פלעג ער זיך פירן - מיר מאכן דאך ריקודין אלע טאג נאכ׳ן דאווענען - נאך מעריב, און שבת איז דאך נישט דא וואס צו רעדן, שבת! און ער איז אריינגעגאנגען אין ריקוד און האט זיך געגעבן א דריי און ער איז ארויסגעגאנגען און איז געגאנגען אהיים, און איך פלעג איהם נאכגיין. האט ער מיר געזאגט; זאלסט דיך נישט וואונדערן וואס איך גיי אוועק, וואס איך לאז איבער דעם ריקוד, ווייל זי איז מיד, און זי וועט אנטשלאפן ווערן. על כל פנים, צוליב ׳שלום בית׳ גייט ער.
נו, און איך בין געגאנגען מיט איהם, האט ער מיט מיר גערעדט א גאנצע וועג, און איך האב - ביי מיר איז דאס געוועו א ׳מתנה׳, ווארן איך האב געמיינט ער וועט מיר זאגן; אצינדער גיי אוועק פון מיר, אצינדער דארף איך טוהן א מצוה, איך דארף קומען אהיים, זי זאל נאך עסן, זי זאל הערן קידוש, זי זאל נישט אנטשלאפן ווערן! ניין - ער איז געגאנגען מיט מיר און גערעדט. איך בין געגאנגען מיט איהם ביז זיין שטוב, און ביי זיין שטוב האט ער עפעס

געהאט אזעלכע דיבורים, האט ער ממשיך געווען א לאנגע צייט - האט ער פארגעסן אז ער האט א שטוב!...
און איך האב אזוי הנאה געהאט פון די דיבורים, אז כ'האב געמיינט אז איך בין שוין א געראטעוועטער - איך וועל שוין נישט קענען צוקומען צו קיין תאוות - - אזעלכע דיבורים!
נו, איז ער געשטאנען מיט מיר - געדענק איך נישט וויפיל צייט, א שעה צו מעהרער - איז ער געשטאנען מיט מיר לעבן זיין שטוב, און ער איז נישט ארייננעגאנגען אין שטוב אריין, און ער איז געשטאנען מיט מיר און גערעדט! ס'איז געווען אזעלכע דיבורים, וואס נישט תמיד מאכט זיך - לאו בכל יומא מתרחיש ניסא - מאכט זיך אזעלכע דיבורים!...

*

דער רבי נפתלי איז געווען זייער א חכם, א קלוגער. אבער זיין 'תמימות' מיט זיין 'אמונה' איז געווען א געוואלדיגע חידוש! ס'איז איהם געלעגן א חן של אמת אויפן פנים, אזעלעכס!
ער פלעג האבן התבודדות - ער האט מיר נישט דערציילט, אבער כ'האב תופס געווען. אונזערע מענטשן זענען באהאלטן - אויסבאהאלטן.

*